IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**גרויסער רוף פֿון דער שעה • The Great Call of the Hour (Part Three)**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse, Ri J. Turner

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/the-great-call-of-the-hour-part-3

# גרויסער רוף פֿון דער שעה
# THE GREAT CALL OF THE HOUR (PART THREE)

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following essay by Zeitlin is part of his original call for the formation of an elite Jewish spiritual fraternity, published in *Der moment* in 1923.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see: https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.
For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here:
http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# The Great Call of the Hour (Part Three)

The First Foundation

The people who can and need to belong to the alliance that must establish the new Yavneh (as I call the spiritual revival of Israel), consist of the following categories: 1) general members, and 2) activists. All Jews who are deeply convinced of the following may belong to the former group:

1. That the fate of Israel depends, not on one political viewpoint or another, nor on one economic policy or another, but rather on its own—Israel's—spiritual condition.

2. That it is not possible to uplift Israel's spirit through education coming from without and so-called "European culture," but rather only by awakening the great spiritual forces that slumber within Israel itself.

3. That Torah is not merely a religion in the European sense of the word, and also not merely a particular ethical system, etc., but also, and particularly, a distinct worldview, a distinct perspective on the origin, contents, sense, and purpose of world and person; a unique answer to all theological, metaphysical, ethical (and in a certain sense, also aesthetic) and social questions; a way of life and manner of life which provides happiness, light, comfort, hope, and quiet, holy joy, offering us great spiritual power to withstand all enemies.

4. That Torah is not merely a concern for various kinds of religious professionals, but rather a light that must be borne into every Jewish home, into every Jewish mind, into every Jewish heart.

5. That Torah is a light not only for Israel, but also for the entire world, and therefore the light of Torah must be revealed to all peoples, because only in this way may the world one day become the kingdom of the Almighty, thus realizing the prophecy "For then will I restore to the peoples a pure language, that they may all call upon the name of the Lord."[1]

6. That Torah must stand higher than any political viewpoint and every party. Therefore, true Torah-Jews must establish not a political party, but if anything, a purely spiritual alliance according to the ethos of "Then those who feared the Lord spoke with one another."

7. That the "commandments people learn by rote"[2] form of Judaism observed by today's general populace is not the Judaism that guided the prophets,

[1] Zephaniah 3:9
[2] Isa. 29:13

Mishnaic sages, Talmudic sages, practitioners of Mussar, Kabbalists, true Hasidim, etc., and which must ultimately come to belong to every individual Jew.

8. That we must make an effort to increase over time the number of intentionally committed Jews, instead of the many passive or matter-of-fact Jews and the very few Jews with particular Torah-conviction that we have today.

9. That we must illuminate and prepare the Jewish masses for the great and holy moment when a new light will enter all Jewish souls, in the same way, for example, that such a light entered them when the Zohar was revealed, when Hasidism began to spread, etc. In these times of "messiah's footsteps" we have the right to expect an even greater revelation of light. That we must spread among the Jewish masses, and particularly among the Jewish youth, not only *knowledge* of the Torah, but also and especially *familiarity* with the Torah, the principles of the Torah-worldview, and everything that follows from those principles, in both theory and practice. For this purpose, a separate publication must be created, and the leaflets and books from such a press must be enthusiastically distributed by those who truly and earnestly want the Jewish people to be revived.

Every single Jew who thinks seriously about all of the above principles, acknowledges them, and becomes immersed in them, must feel obliged to join, if not as an active member, at least as a sympathizer of the Yavneh alliance. This sympathy must be expressed by supporting the alliance, both materially and morally, with all available means. Starting a press for higher Torah and Zohar culture and distributing its publications demands both great Jewish and broad general intellectual acuity, as well as substantial financial means. Every one of the general members must fulfill these obligations as fully as possible.

It is unnecessary to add that every person who wants to become a member of the alliance must first examine his own conduct, make a profound accounting of his own soul, correct everything that has become twisted or distorted in his life, and adjust his entire private life in accordance with the strict demands of pure Judaism.

In addition to these general members, every city must have a certain number of special individuals who are connected amongst themselves and with similar special individuals in other cities in the most heartfelt love and friendship. These exceptional people must be the tireless activists of the alliance; they must be its soul, its strictest and purest internal core, and its representatives to the outside world. These individuals must be distinguished by unique devotion to the work of expanding and deepening of Judaism; to the work of outreach among the Jewish youth; organizing young scholars and disseminators of Torah. These individuals especially must:

- Conduct a particularly strict religious and ethical way of life
- Submit to the rigid discipline of the alliance
- Be able to fulfill in any given moment the duties that are placed upon them by

general agreement of the membership, or by the chief of the alliance (if the alliance elects a chief)

- Devote themselves very much to learning, investigating, and seeking, sharing with the members and with others the results of their investigations
- Be truly humble and meek—the quietest and most unassuming
- Learn the great art of patience in order to get along with the lost and the misled, as well as the sick
- Always bear the great grief of Israel in their hearts and never exchange it for the petty cash of party-slogans
- Be the living conscience of the nation.

All of them together in their truly heartfelt brotherhood, in their inner purity and unity of their souls, should serve as the living tent and tabernacle of ancient self. "A tent He has placed among mankind . . . " (Ps. 74:60).

It is impossible to write out everything in a newspaper article. Those who have a vital interest in all that has been said here can make contact with me in writing (via the address of *Moment*). Let us begin the great work of sanctifying and renewing our people with all of our strength!

# גרויסער רוף פֿון דער שעה

**דער ערשטער יסוד**

די מענטשן וואָס קאָנען און דאַרפֿן געהערן צום פֿאַרבאַנד, וואָס מוז אויפֿשטעלן די נײַע יבֿנה (ווי איך רוף אָן די נײַע אויפֿלעבונג פֿון ישׂראל אין גײַסט), טייל איך: 1) אין אַלגעמיינע חבֿרים; 2) אין אַקטיווע טוער. צו די ערשטע קאָנען געהערן אַלע ייִדן, וואָס זענען טיף איבערצײַגט אין פֿאָלגנדעס:

א) אַז דער גורל פֿון ישׂראל איז אָפּהענגיק, נישט פֿון דער אָדער יענער פּאָליטיק, אויך נישט פֿון דער אָדער יענער עקאָנאָמיק, נאָר פֿון זײַן, ישׂראלס, אייגענעם גײַסטצושטאַנד.

ב) אַז אויפֿהייבן דעם גײַסט פֿון ישׂראל קאָן מען נישט דורך בלויז אויסערלעכער בילדונג און אַזוי גערופֿענער „אייראָפּעיִשער קולטור“, נאָר דורך דעם, וואָס מען וועט אויפֿוועקן די גרויסע גײַסטיקע כּוחות, וואָס דרעמלען אין ישׂראל גופֿא.

ג) אַז „תּורה“ איז נישט בלויז אַ רעליגיע אינעם אייראָפּעיִשן זין פֿונעם וואָרט, אויך נישט בלויז אַ באַזונדער עטיק, וכּדומה, נאָר אויך און איבער הויפּט אַ באַזונדער וועלט־אַנשויונג, אַ באַזונדער קוק אויף דער אַנטשטייונג, אינהאַלט, זין און ציל פֿון וועלט און מענטש; אַן אייגנאַרטיקער ענטפֿער אויף אַלע טעאָלאָגישע, מעטאַפֿיזישע, עטישע (און אין געוויסן זין, אויך עסטעטישע) און סאָציאַלע פֿראַגן; אַ לעבנסוועג, אַ לעבנס-שטייגער, וואָס גיט אי גליק, אי ליכט, אי טרייסט, אי האָפֿענונג, אי שטילע, הייליקע פֿרייד, אי גרויסע גײַסטיקע גבֿורה צו ווידערשטעלן זיך אַלע שׂונאים.

ד) אַז „תּורה“ איז נישט בלויז אַן ענין פֿאַר כּלי־קודש פֿון אַלע מינים, נאָר אַ ליכט, וואָס דאַרף אַרײַנגעטראָגן ווערן אין יעדן ייִדישן הויז, אין יעדן ייִדישן מוח, אין יעדן ייִדישן האַרץ.

ה) אַז „תּורה“ איז אַ ליכט נישט בלויז פֿאַר ישׂראל, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער וועלט און דעריבער דאַרף מען אַנטפּלעקן דעם אור־תּורה פֿאַר אַלע פֿעלקער, וואָרעם נאָר דורך דעם וועג קאָן אַ מאָל קומען די וועלט צו „מלכות־שדי“ און עס קאָן מקוים ווערן די נבֿואה פֿון „אָז אהפּוך אל העמים שׂפֿה ברורה לקרא כלם בשם ה׳“ [צפֿניה ג, ט].

ו) אַז „תּורה“ דאַרף שטיין העכער פֿון יעדער פּאָליטיק און יעדער פּאַרטיי. דעריבער דאַרפֿן עכטע תּורה־ייִדן נישט בילדן קיין פּאָליטישע פּאַרטיי, נאָר ווען מען דאַרף, אַ ריין גײַסטיקן פֿאַרבאַנד אויף דעם שטייגער פֿון „אָז נדברו יראי ד׳ איש אל רעהו“ [מלאָכי ג, טז].

ז) אַז די מיצוות־אַנשים־מלומדה־ייִדישקייט פֿון די הײַנטיקע ברייטע מאַסן איז נאָך נישט יענע ייִדישקייט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט נבֿיאים, תּנאָים, אַמוראָים, בעלי־מוסר, מקובלים, אמתע חסידים וכ׳, און וועלכע דאַרף סוף־כּל־סוף ווערן דער קנין פֿון יעדן איינציקן ייִד.

ח) אַז מען דאַרף ווירקן אַזוי, אַז עס זאָל זיך פֿאַרגרעסערן פֿון צײַט צו צײַט די צאָל פֿון לכתּחילה-ייִדן, אויף דעם אָרט, וואָס הײַנט האָבן מיר אַזוי פֿיל בדיעבֿד-ייִדן און אַזוי ווייניק ייִדן פֿון ספּעציעלער תּורה־איבערצײַגונג.

ט) אַז מען דאַרף דורכלויכטן און פֿאָרברייטן די ייִדישע מאַסן צו דעם גרויסן הייליקן מאָמענט, ווען אַ נײַער אור וועט אַרײַן אין די ייִדישע נשמות, אַ שטייגער ווי עס איז אַרײַן אין זיי אַזאַ אור, בעת עס איז נתגלה געוואָרן דער זוהר, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן דאָס חסידות, וכּדומה. אין יעצטיקער צײַט פֿון „עיקבֿתא־דמשיחא“ האָבן מיר דאָס רעכט צו דערוואַרטן נאָך אַ גרעסערן גילוי פֿון אור. אַז מען דאַרף פֿאַרשפּרייטן צווישן די ייִדישע מאַסן, באַזונדערס צווישן דער ייִדישער יוגנט, נישט נאָר

**ידיעת**־התּורה, נאָר אויך און איבער הויפּט **הכּרת**-התּורה, די פּרינציפּן פֿון דער תּורה-וועלט־אַנשויונג און אַלץ, וואָס עס פֿאָלגט פֿון אָט די פּרינציפּן להלכה ולמעשׂה. עס דאַרף צוליב דעם באַשאַפֿן ווערן אַ באַזונדער אויסגאַבע און די בלעטער און ביכער פֿון אַזאַ אויסגאַבע דאַרפֿן אייפֿעריק פֿאַרשפּרייט ווערן דורך יעדערן, וואָס וויל באמת־ובֿתמים, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל אויפֿגעלעבט ווערן.

יעדער איינציקער ייִד, וואָס טראַכט זיך שטאַרק אַרײַן אין די אַלע אויבן דערמאָנטע זאַכן, אָנערקענט זיי, און ווערט דורכגעדרונגען מיט זיי, דאַרף פֿאַרשטיין, אַז זײַן חובֿ איז אַרײַנצוטרעטן, אויב נישט אַלס אַקטיווער מיטגליד, איז אַלנפֿאַלס אַלס מיטפֿילער פֿונעם יבֿנה־פֿאַרבאַנד. זײַן מיטגעפֿיל דאַרף זיך אויסדריקן אין שטיצן דעם פֿאַרבאַנד, סײַ מאַטעריעל, סײַ מאָראַליש מיט אַלע זײַנע מעגלעכקייטן. שאַפֿן אַ פֿאַרלאַג פֿאַר הויכער תּורה־ און זוהר־קולטור און פֿאַרשפּרייטן זײַנע אויסגאַבן פֿאָדערט אי גרויסע ייִדישע און אַלגעמיינע אינטעליגענץ, אי היפּשע געלטמיטלען. יעדער איינציקער פֿון די אַלגעמיינע חבֿרים דאַרף דערפֿילן זײַן חובֿ לויט זײַן יכולת נאָך.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז יעדער איינער, וואָס וויל זײַן אַ חבֿר פֿונעם פֿאַרבאַנד, דאַרף פֿריִער אַליין מפֿשפּש־במעשׂיו זײַן, דאַרף מיט זיך אַליין אַ שטאַרקן חשבון־הנפֿש מאַכן, דאַרף אויסבעסערן אַלץ, וואָס איז פֿאַרקרימט און פֿאַרדרייט געוואָרן אין זײַן לעבן און דאַרף צופּאַסן זײַן גאַנץ פּריוואַט־לעבן צו די שטרענגע פֿאָדערונגען פֿון דעם ריינעם ייִדנטום.

אויסער אָט די אַלגעמיינע חבֿרים דאַרף זײַן אַ געוויסע צאָל יחידים אין יעדער שטאָט, וועלכע דאַרפֿן זײַן פֿאַרבונדן צווישן זיך און צווישן אַלע יחידים פֿון אַנדערע שטעט אין האַרציקסטער ליבע און פֿרײַנדשאַפֿט. יענע יחידים דאַרפֿן זײַן די אַקטיווע אומדערמידלעכע אַרבעטער פֿונעם פֿאַרבאַנד; זיי דאַרפֿן זײַן די נשמה זײַנע, זײַן שטרענגסטער און ריינסטער אינהאַלט פֿון אינעווייניק און זײַן רעפּרעזענטאַנץ כּלפּי־חוץ. אָט די יחידים דאַרפֿן זײַן אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדער איבערגעגעבענער אַרבעט לטובֿת דער פֿאַרברייטונג און פֿאַרטיפֿונג פֿון ייִדישקייט; אַגיטאַציע צווישן דער ייִדישער יוגנט; אָרגאַניזאַציע פֿון יונגע בני־תּורה און מפֿיצי־תּורה. איבער הויפּט דאַרפֿן די יחידים:

- פֿירן אַ באַזונדער שטרענג רעליגיעז-עטישן אַרט לעבן,
- דאַרפֿן זײַן אונטערגעוואָרפֿן אַ שטאַרקער דיסציפּלין פֿונעם פֿאַרבאַנד,
- דאַרפֿן קאָנען דערפֿילן צו יעדער צײַט די חובֿות וואָס ווערן אויף זיי אַרויפֿגעלייגט דורך דער אַלגעמיינער אָפּשטימונג פֿון די חבֿרים אָדער דורך דעם ראָש פֿונעם פֿאַרבאַנד. (אויב דער פֿאַרבאַנד וועט אויסוויילן אַ ראָש);
- דאַרפֿן אַליין זייער פֿיל לערנען, פֿאָרשן, זוכן, טיילן זיך מיט חבֿרים און מיט אַנדערע מיט די רעזולטאַטן פֿון זייערע פֿאָרשונגען;
- דאַרפֿן זײַן אמתע ענווים און עלובֿים, די שטילסטע, די באַשיידנסטע,
- זיי דאַרפֿן לערנען די גרויסע קונסט פֿון סבֿלנות און קאָנען באַגיין זיך מיט פֿאַרבלאָנדזשעטע און פֿאַרפֿירטע, ווי מיט קראַנקע.
- זיי דאַרפֿן תּמיד טראָגן דעם גרויסן טרויער פֿון ישׂראל אין האַרצן און קיין מאָל נישט אויסטוישן אים אויף די קליינע מטבעות פֿון פּאַרטיי-לאָזונגען
- זיי דאַרפֿן זײַן דאָס לעבעדיקע געוויסן פֿון דער אומה.
- זיי אַלע צוזאַמען אין זייער אמתער האַרציקער ברידערשאַפֿט, אין זייער אינערלעכער טהרה און התאַחדות פֿון זייערע נשמות דאַרפֿן זײַן דער לעבעדיקער אוהל און מישכּן פֿון ישׂראל סבא. „אהל שכּן באָדם“ [תּהלים עח, ס].

עס איז אוממעגלעך אויסצושרײַבן אַלץ אין אַ צײַטונגס־אַרטיקל, די וואָס האָבן אַ לעבעדיקן אינטערעס פֿאַר דעם אַלעם געזאָגטן קאָנען זיך ווענדן צו מיר שריפֿטלעך (לויטן אַדרעס פֿון ״מאָמענט״).

לאָמיר אָנהייבן די גרויסע זאַך פֿון קידוש־האומה און חידוש־האומה מיט אַלגעמיינע כּוחות!